**גוט שבת אלע אידן.** עס זענען דא אסאך פשטים פארוואס מען רופט דעם יום טוב "חנוכה." פשטות, קומט דאס ווארט "חנוכה" פון דעם לשון פון צוריקבויען און מאכן ניי, אזוי ווי "מזמור שיר חנכת הבית..." (תהילים ל,א) די יוונים ימ"ש האבן מטמא געווען דעם בית המקדש, און די חשמונאים האבן עס נאכדעם מטהר געווען.

חנוכה איז א צייט פון "וטהרו את מקדשך..." עס קומט אויס אז אין חנוכה זענען נתעורר די השפעות פון זיך מטהר זיין. דורך ליינען די פאלגענדע מורא'דיגע מעשה קענען מיר אלע נתעורר ווערן צו וועלן זיך מטהר זיין און תשובה טון. רב גבריאל אליהו קלאצקו ז"ל איז געווען זייער א שטארקע כח אין דעם קירוב פעלד אין סויט אפריקא. ר' גבריאל ע"ה, וואס בחייו האט מען גערופן "רב גב," איז נעבאך נפטר געווארן בערך צען יאר צוריק ביי די אכט און צוואנציג יאר. עס זענען דא אסאך מעשיות פון רב גב וואס ווייזן אויף זיינע מוראדיגע כוחות צו מקרב זיין אידן.

אמאל איז רב גב געגאנגען אויפן גאס אין יוהאנעסבורג מיט א ידיד יעקב. די צוויי האבן געשמועסט טאקע וועגן דעם ענין פון מקרב זיין אידן. רב גב האט געטענעט אז יעדער איד קען צוריקקומען אפילו ער איז זייער ווייט אוועק פונעם רבונו של עולם. פונקט דעמאלט זענען די צוויי געגאנגען לעבן א קרעטשמע, וואס אזי פיל געווען מיט פארשיכרטע מענטשן טרינקען בראנפען וכו'. די חברה דארט האט נישט אויסגעקוקט אזוי שיין, זיי זענען געווען גראבע גוים וואס זענען געפארן אויף מוטורסייקעלס וכו'. יעקב האט געגעבן א קוק אויף די קרעטשמע און ער האט געזאגט צו רב גב אז אויב ער איז אזוי זיכער אז ער קען מקרב זיין יעדען איד, זאל ער אריינגיין אין יענע קרעטשמע צו זען אויב עס זענען אידן דארט צו מקרב זיין. יעקב האט נישט געמיינט מער ווי צו טשעפענען רב גב. אבער רב גב האט עס אנגענומען ערנסט און ער האט זיך געדרייט גרייט אריינצוגיין אין דעם קרעטשמע.

יעקב האט געוואלט אים צוריקהאלטן, און ער האט געזאגט צו רב גב אז ער האט נאר געמיינט א ווערטל. יעקב האט אים געזאגט אז ער זאל נישט אריינגיין דארט ווייל עס קען זיין א סכנה פאר צוויי פרומע אידן אריינצוגיין אין אזא פלאץ. (חוץ דעם וואס עס איז א שאלה על פי הלכה אויב א איד מעג בכלל אריינגיין אין אזא פלאץ.) אבער רב גב האט געזען א געלעגענהייט און ער איז אריינגעגאנגען זוכן אידן דארט.

בקיצור איז יעקב אריינגעגאנגען מיט רב גב כדי ער זאל נישט זיין דארט אליינס. פארשטייט זיך אז די גוים דארט האבן נישט אזוי ווארעם אויפגענומען רב גב און יעקב. אבער גארנישט האט נישט צוריקגעהאלטן רב גב. ער איז ארומגעגאנגען צו יעדען טיש פרעגענדיק צי עס זענען געווען דארט אידן.

סוף כל סוף זענען זיי אנגעקומען צו א טיש פיל מיט מענטשן וואס האבן אויסגעקוקט ווי גוים. אבער יענע טיש איז געווען אנדערש, ווייל די מענטשן דארט האבן טאקע אויפגענומען רב גב מיט א שיינע "ברוך הבא," און זיי האבן אים געפרעגט וואס ער טוט דארט.

די מענטשן ביי יענע טיש האבן געזאגט צו רב גב אז זיי זענען געווען טאקע אידן! רב גב האט זיי גלייך איינגעלאדענט צו קומען צו אים צו א מסיבה אינדערהיים די קומענדיגע נאכט. רב גב האט געזאגט צו זיי אז ער וועט פאר זיי שטעלן בראמפען בחינם!

בקיצור, די נעקסטע נאכט האט רב גב מיט זיין רביצן צוגרייט אלע מיני מטעמים צוזאמען מיט אסאך בראמפען! די באשטימטע צייט איז אנגעקומען און רב גב איז געשטאנען לעבן דעם פענסטער ווען ער האט געהערט פון די ווייטענס דעם רעש פון מוטורסייקעלס. פלוצלינג זענען אנגעקומען א גרופע פון די אידן אויף די מוטורסייקעלס.

רב גב האט זיי ווארעמערהייט אריינגעברענגט אין הויז. ער האט זיי אויפגענומען אזוי ווי אלטע חברים. רב גב האט געגעבן פאר יעדען איינעם צו טרינקען. נאך א האלבע שעה ווען די גרופע איז שוין "אנגעווארעמט" געווארן, האט ער אויסגענומען א חומש און ער האט געזאגט א שיעור אויף די פרשה. מיט די צייט איז די שיעור געווארן קביעותדיג. די פארלוירענע נשמות זענען געקומען צו רב גב'ס הויז וואו ער האט זיי אנגעווארעמט נישט נאר מיט א גלעסל בראמפען אבער אויך מיט די פייער פון די הייליגע תורה. די שיעור איז אנגעגאנגען ביז רב גב איז נעבאך נקטף געווארן יונגערהייט, יז"ב.

און וואס איז געווארן מיט יענע חברה וואס זענען געקומען צו אים לערנען תורה איינמאל א וואך. הפלא ופלא! אסאך פון זיי זענען געווארן עכטע בעלי תשובה! היינט לערנען אפאר וואס זיי אין כולל אין ארץ ישראל. רב גב'ס שכר פון די שיכורים איז זיכער גרויס!

יעצט אז עס קומט פאר די יום טוב פון חנוכה, וועט אראפקומען די השפעות פון תשובה, ווייל "חנוכה" איז מרמז אויף "באנייען." חנוכה איז דאך אויך די "גמר חתימה טובה." אויב אזוי איז כדאי אז אלע זאלן זיך אריינכאפן און תשובה טון אין די טעג. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת לידת הנינה אצל נכדו הרה"צ רבי ישראל שליט"א, בן בנו הרה"צ רבי אהרן מענדל שליט"א

לע"נ זקנתי האשה החשובה צפורה יוטא בת מרדכי מענדל ע"ה :: ערב חנוכה תשכ"ח

נא לעיין בגליונות אחר התפילה ולא באמצע, כדי לזכות ולא להכשיל

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)